# שלום-עליכם

# אַ פֿרִיִער פּסח

## אַ מעשׂה, וואָס קאָן זיך פֿאַרלויפֿן אויף דער גרויסער וועלט

### א׳

די וועלטבאַרימטע דײַטשע שטאָט נאַררענבערג [נאַרנבערג] איז אײַן אַלטע יִדישע שטאָט. און ניט נאָר אַ יִדישע שטאָט -- זי איז אַ פֿרומע שטאָט, אַ גאָטספֿאָרכטיגע. אירע יִדן האָבן זיך געמאַכט אַ שם אויף דער וועלט דערמיט, וואָס זיי האָבן קיינמאָל ניט געגריבלט זיך, ניט אַרײַנגעלאָזט זיך אין חקירות, ניט געפֿילאָזאָפֿירט, ניט געפֿרעגט קײַן קשיאות אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס קערן זיך אָן מיט גאָט. אויף זיי מעג מען זאָגן, אַז זיי זענען יִדן אָן חכמות.

אמת, זייער יִדישקייט באַשטייט ניט מער ווי אין דרײַ דינים, וואָס שטאַמען מסתּמאָ פֿון אַבֿרם אבֿינו, אָדער אפֿשר נאָך פֿון אדם הראשונען: (1) יאָרצײַט, (2) בר-מיצווא, (3) פּסח. די דרײַ דאָגמען זענען גאַנץ גענוג אויפֿצוהאַלטן דאָס יִדישע פֿאָלק נאָך טויזענטער און טויזענטער יאָרען. מיינט ניט, אַז דאָס האָבן זיי אויסגעזויגן פֿון זייער אייגענעם פֿינגער; דאָס האָבן זיי געהערט ניט איין מאָל פֿון זייער ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער, וועלכן די נאַררענבערגער קהילה האַלט-אויס ניט מיט ווינציקער ערע, ווי די קאַטוילער, להבֿדיל, דעם רוימישען פּאַבסט. דער ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער טראָגט בײַ זיי דעם נאָמען ״ראַבי״, ״אונדזער ראַבי״, און די נאַררענבערגער קהילה איז איבערצײַגט, אַז נאָך אַזאַ למדן, ווי זייער ראַבי, איז שוין נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. אין זײַנע דרשות, וואָס ער האַלט זיי אַלע יום-טובֿ אין דער סינאַגאָגע, וואַרפֿן זיך דורך אַזעלכע לשון-קדושדיקע ווערטער, וואָס נאָר דער מחבר פֿונעם סידור זאָל איצטער אויפֿשטיין, וואָלט ער זיי אפֿשר פֿאַרשטאַנען, און אפֿשר ניט... די נאַררענבערגער יִדן דערציילן פֿון אים מופֿתים, ווי פֿון אַ ״גוטן יִדן.״ למשל, זיי באַרימען זיך, אַז שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר, זינט ער איז בײַ זיי ראַבינער און

פּרעדיגער, האָט זיך נאָך ניט געטראָפֿן, ער זאָל אַמאָל האָבן אַ טעות: אַלע יום-טובֿ די זעלבע דרשה מיט די זעלבע פּסוקים פֿונעם זעלבן תּנ״ך, מיט דער זעלבער באַדײַטונג, מיט די זעלבע משלים. איך מיין אָבער, אַז דאָס איז אַ ביסל איבערטריבן. דער אויטאָריטעט פֿונעם ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער איז אין שטעטל אַזוי גרויס, אַז קיין יאָרצײַט, קיין בר-מיצווה און קיין יום-טובֿ ווערט ניט באַשטימט, ביז ער ווערט ניט פֿריִער פֿעסטגעשטעלט פֿונעם ראַבינער און פּרעדיגער. און הגם יעדער נאַררעמבערגער ייִדישער אײַנוווינער מוז האָבן בײַ זיך אין שטוב אַ ייִדישן לוח, פּונקט אַזוי ווי יעדע נאַררענבערגער ייִדישע פֿרוי מוז האָבן אַ ווײַסע כּפּרה ערבֿ יום-כּיפּור, דאָך, אַז עס קומט אונטער אַ יום-טובֿ, גלויבט קיינער ניט דעם לוח אויף נאמנות און מע גייט צום רבין זיך ערקונדיגן [אָנפֿרעגן]: ״ווען האָבן מיר פֿײַערטאָג? און ווער שמועסט נאָך אַזאַ יום-טובֿ, ווי דער הייליגער פּסח?! פּסח ווערט געפֿײַערט אין נאַררענבערג -- איך גיי מיט אײַך אין געוועט -- מיט מער פּראַכט און גלאַנץ און מיט מער כּשרות אַלס אין דער פֿרימסטער שטאָט בכל-תּפֿוצות-ישׂראל! די נאַררענבערגער ווײַבער -- זיי קומט דער שבֿח -- זענען אַזעלכע צנועות, אַז פּסח אין טעאַטער באַנוצן זיי ניט די חמצדיקע בינאָקלס פֿון אַ גאַנץ יאָר. אפֿילו די נאַררענבערגער מאַנצבילן, וואָס זענען עפּעס ניט אַזעלכע גרויסע מצה-שמורהניקעס, פֿון דעסטוועגן האָט זיך געמאַכט וויפֿל מאָל, אַז מע איז געקומען צום רבין מיט אַ שאלה, צי מעג מען פּסח טרינקען מינכענער ביר און פֿאַרבײַסן מיט פּראַגער שינקען.

אַצינד, אַז מיר האָבן זיך שוין אַ ביסל באַקאַנט מיר די נאַררענבערגער ייִדן אַלס ייִדן, -- קאָנען מיר שוין צוטרעטן צו דעם עצם פֿון דער געשיכטע, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן אין דער שטאָט נאַררענבערג אין דעם יאָר 1908, אָדער 5668 פֿון זינט די וועלט איז באַשאַפֿען געוואָרן, לויט רעכענונג פֿון אונדזער ייִדישן וועלט-לוח.

ב׳

די נאַררענבערגער קהילה באַנוצט זיך מיט איר אייגענע פֿאַבריקאַציעס און פּראָדוקטען, אויסער ייִדישע ליטעראַטור. אַמאָל פֿלעגן זיי די ייִדישע ליטעראַטור אימפּאָרטירן פֿון אויסלאַנד, מערסטענטייל פֿון לאָנדאָן אָדער פֿון וואַרשע. נאָר פֿון דער לעצטער

צײַט, זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ אונדז די בהלהס, מלחמה, רעוואָלוציע, קאָנסטיטוציע און פּאָגראָמען, האָבן די כוואַליעס פֿון דער געוואָלטיקער עמיגראַציע אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער דאָזיקן נאַררענבערגער אָאַזיס, צווישן אַ סך אַנדערע נפֿשות, אויך איינעם אַ פּעקל-טרעגער אָדער אַ מוכר-ספֿרימניק מיטן נאָמען פּינחס פּינקוס.

פּינחס פּינקוס איז אַ ייִדל אַ נידעריקס, אַ זשוואַווע, מיט איין אויגל אַ קליינס, דאָס אַנדערע אַ גרויס. בשעת ער רעדט, קוקט דאָס קליינע אויגל אויפֿן גרויסן, ווי איינער רעדט: "נו?"... און דער גרויסער אויג ענטפֿערט אים: "נו - נו!"... די ערשטע צײַט האָט ער זיך גענוג אָנגעליטן, גענוג אויסגעהונגערט און גענוג אויסגעשטאַנען יסורים, ווייטיקן און בזיונות פֿון זײַן דײַטשע ברידער, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו זײַן שטענדיקער פּרנסה פֿון דער היים - אַרומטראָגן ייִדישע ספֿרים און ביכלעך איבער די הײַזער. אַ צעבראָכענער, אַ צעראַבעוועטער, אַ נאַקעטער און אַ הונגעריקער, האָט ער פֿאַרלאָזן זײַן לאַנד, וווּ ער איז געבוירן, און האָט זיך מיט גרויס מי דערשלאָגן אין אַ פֿרײַ לאַנד - קײַן נאַררענבערג, וווּ ער איז שוין געווען באַוואָרענט פֿון אַ פּאָגראָם, נאָר ניט געווען באַוואָרענט פֿון שטאַרבן פֿון הונגער, מחמת אין דער פֿרײַען לאַנד איז דאָס שנאָרען שטרענג פֿאַרבאָטן אפֿילו צווישן אייגענע ברידער. יעדער מענטש איז מחויבֿ עפּעס טאָן. אונדזער צעשלאָגענער עמיגראַנט פּינחס פּינקוס האָט אָבער ניט געקאָנט געפֿינען זײַן שום טועכטוס אינעם פֿרײַען לאַנד. שולדיג איז געווען אין דעם ניט אַזוי ער אַליין, ווי די שפּראַך. דאָס הייסט, וואָס ניט ער האָט פֿאַרשטאַנען זייער שפּראַך, און ניט זיי האָבן פֿאַרשטאַנען זײַן שפּראַך. די ערשטע צײַט האָט ער אורומגעשפּאַצירט איבער די נאַררענבערגער גאַסן און באַטראַכט די שטאָדט מיט די מענטשן, דער הימל מיט דער ערד. דאַכט זיך, די זעלבע הײַזער, די זעלבע מענטשן, דער זעלבער הימל מיט דער זעלבער ערד - און גאָרנישט, אַלע גייען זיך אַזוי רויִק; קיינער האָט קיין מורא ניט פֿאַר אַ שטיין פֿון אויבן, פֿאַר אַ קויל פֿון פֿאָרענט אָדער פֿאַר אַ מעסער פֿון הינטן - גליקלעכע מענטשן! אַ געבענטשט לאַנד!...

וואָס ווײַטער האָט אָבער דאָס לאַנד אָנגעהויבן אָנווערן דעם חן אין זײַנע אויגן - איבערן מאָגן. דער מאָגן איז אַ בייזער בעל-דבֿר; אים, אַז עס קומט די צײַט פֿון עסן, וויל ער ניט הערן ניט פֿון קיין

פּאָליטיק, ניט פֿון פֿילאָזאָפֿיע. „האָסט מיר עפּעס אין זינען, צי ניין?" - אַזוי טענהט אַ לעדיקער מאָגן. - „פֿון מײַנעטוועגן קאָנסט דו בעטלען גײן, קאָנסט גנבֿענען, גזלען, אַבי מיר זאָלסט דו אָפּגעבן מײַנס, און ווײַטער איז ניט מײַן עסק!" ... דער חסרון איז אָבער, וואָס אויף אויסצײַען די האַנט דאַרף מען זײַן אַ געבאָרענער בעטלער, אָדער האָבן אַ נשמה פֿון אַ בעטלער. און אונדזער העלד האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט איבער די נאַררענבערגער שטראַסן, ביז ער האָט בײַ זיך געפּועלט אָפּשטעלן דעם ערשטן מענטשן, חלילה ניט אויף צו בעטן בײַ אים עפּעס, נאָר גלאַט אַזוי, אויסרעדן זיך אַ ביסל דאָס האַרץ. פּינחס פּינקוס האָט זיך אָנגערופֿן צום ערשטן דײַטש בזש-הלשון:

-- האָט קיין פֿאַראיבל ניט, מײַן ליבער הערר דײַטש, איך בין דאָ אַ גר און פֿאַרשטיי ניט דאָס לשון. איך לויף פֿון אַ קאָנסטיטוציע לויף איך, און פֿאַל, הייסט עס, מיטן פּנים צו דער ערד. גלויבט מיר, איך וואָלט אײַך ניט מטריח געווען, ס'זאָל ניט זײַן, ווי מע זאָגט, באָוו מײַים עד נפֿש. איך בעט ניט חלילה קיין נדבֿה; איך זוך עפּעס אַ מלוכה, אַ טועכץ, וואָס ניט איז, אַבי דערהאַלטן די נשמה. האָט רחמנות ...

דער דײַטש האָט אים אויסגעהערט ביזן סוף און האָט זיך פֿאַר אים אַנטשולדיקט, אַז ער האָט קיינמאָל אַזאַ שטראַססע ניט געהערט, און איז אַוועק זײַן וועג. דער צווייטער דײַטש האָט אויסגעהערט די זעלבע דרשה און איז אַוועק אָן ווערטער. דער דריטער דײַטש איז געוואָרן אַ ביסל ברוגז, וואָס מע נעמט צו זײַן צײַט, און האָט זיך רעכט אויסגעבייזערט אויף דעם „פֿערדאַמטען קערל". דער פֿערטער דײַטש האָט אים אפֿילו ניט אויסגעהערט ביזן סוף, באַוויזן אים, אַז ער האָט אַ שטעקן, און געזאָגט, אַז טאָמער גייט ער ניט „פֿאָרט", אַזוי רופֿט ער צו אַ „שוצמאַן" ...

און אונזער העלד האָט גיך איבערגעביטן זײַן פֿריִעריקע מיינונג איבער די דײַטשן און איבער זייער פֿרײַען לאַנד, וועלכעס ער האָט פֿײַנט געקריגן, און איז דעם דײַטש געוואָרן אַ דם-שׂונא!

אויב דער אומגליקלעכער פּינחס פּינקוס האָט פֿײַנט געקראָגן די נאַררענבערגער דײַטשן, האָט ער טויזנט מאָל אַזוי פֿיל געטראָגן שׂונא און פֿאַרדראָס אויף די נאַררענבערגער דײַטשע ייִדן מיט זייער ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער, וואָס האָט אַוועקגעשטעלט דעם אָרעמען עמיגראַנט דרײַ טענות: (1)למאי איז ער אײַן אָרעמען? (2) למאי גייט ער אָפּגעריסען? (3) למאי רעדט ער ניט קיין דײַטש? דערויף האָט אים דאָס אָרעמע ייִדל אָפּגעענטפֿערט אַ ביסל טאַקע מיט צופֿיל חוצפּה: -- אדוני קעניג! איך וועל אײַך ענטפֿערן אַל רישון רישוון ועל אַחרון אַחרון: דאָס, וואָס איר טענהט, למאי איך בין אײַן אָרעמען און גיי ווי אַ שלעפּער - זענט איר גערעכט; דער אויבערשטער האָט מיר געוואָלט געבן געלט, האָב איך אים געזאָגט: געב דאָס בעסער מענדעלסאָנען -- ער איז אַ משומד און האָט ניט קיין חלק לעולם-הבא... נאָר דאָס, וואָס אײַך געפֿעלט ניט מײַן ייִדיש לשון, וואָלט איך אַ בעלן געווען, איר זאָלט זײַן אין מײַן פּאָלאָזשעניע און קומען מיט אײַער דײַטשמעריש צו אונז קיין מאָסקווע, און אפֿילו קיין באַרדיטשעוו, וואָלט איר דעמאָלט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן.

אַ גליק, וואָס דער ראַבינער האָט פֿאַרשטאַנען פֿון דער דאָזיגער גאַנצער רעדע נאָר עטלעכע געציילטע ווערטער: "געלט"... "מענדעלסאָן"... "מאָסקווע"... און דער נאַררענבערגער ראַבינער האָט אים גענומען לייענען אַ נאָטאַציע און זאָגן מוסר, אַז ס'איז אַ "פֿורכטבאַרע פֿרעכהייט" פֿון אַזאַ ייִדל זיך מישן אין דער רוסישער פּאָליטיק און קריטיקירן מענדעלסאָנען, למאי ער שטיצט מאָסקווע מיט געלט... "אָט דאָס איז טאַקע אײַער אומגליק, -- האָט דער ראַבינער געדרשהט צום אָרעמען עמיגראַנט -- וואָס איר קריכט אַהין , ניט ווו מע דאַרף. אָט דערפֿאַר טאַקע שלאָגט מען אײַך און מע טרײַבט אײַך, און מיר, דײַטשע ייִדישע בירגער, האָבן דורך אײַך חרפּה און בושה"... און נאָך אַ סך אַזעלכע ערנסטע קלוגע רעד האָט דער נאַררענבערגער ראַבינער און פּרעדיגער אויסגעשאָטן אומזיסט און אומנישט, מחמת דאָס ייִדל האָט פֿון זײַן דרשה נאָך ווינציקער פֿאַרשטאַנען... דאָס רעזולטאַט איז געווען, וואָס נאָך עטלעכע מאָל אַרויסטרײַבן אים און אָנרופֿן "שנאָרער", "פּאָלנישער יודע" וכּדומה אַזעלכע נעמען, האָט זיך אונדזער פּינחס פּינקוס פֿאָרט דערשלאָגן בײַ דער נאַררענבערגער קהילה, מע זאָל אים אויסלײַען אַ ביסל

מזומנים, וועט ער אויסשרײַבן פֿון דער היים אַ ביסל געדרוקטע סחורה -- טאָמער וועט ער עפּעס פֿאַרדינען.

און כּך-הוה. ער האָט אויסגעשריבן אַ טראַנספּאָרט ספֿרים און ביכלעך, אויך אַ ביסל סידורים, חומשים, סליחות און הגדות, און דער עיקר - ייִדישע לוחות. אויף לוחות, האָט ער אַרויסגעזען, וועט ער דאָ האָבן מער בעלנים, ווי אויף אַלע אַנדערע ספֿרים. פּינחס פּינקוס האָט ניט אומזיסט פֿאַרבראַכט זײַן צײַט צווישן די דײַטשע ברידער. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַ לוח איז כּמעט דער איינציקער גאַנגבאַרער אַרטיקל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין נאַררענבערג. ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. ער האָט אויספֿאַרקויפֿט דאָס גאַנצע פּעקל ייִדישע לוחות אין איין טאָג און האָט געמוזט אויסשרײַבן נאָך אַ טראַנספּאָרט מיט לוחות, און האָט דעם טראַנספּאָרט אויך אָפּגעזעצט.

פֿון דעמאָלט-אָן האָט אונדזער פּינחס פּינקוס אָנגעהויבן וואַקסן און וואַקסן, דאָס הייסט, גיין פֿון איין שטעדטל אינעם אַנדערן מיט אַ פּעקל ספֿרים אויף די פּלייצעס, צום מײנסטן ייִדישע לוחות, באַרדיטשעווער, ווילנער און וואַרשעווער פֿאַבריקאַציע. נאָר דער הויפּט-אָפּזעץ איז בײַ אים געווען נאַררענבערג און ווידער אַ מאָל נאַררענבערג, וואָרום אין ערגעץ איז ניטאָ אַזאַ איין אָפּגאַנג אויף דער סחורה, ווי אין נאַררענבערג. אַ נאַררענבערגער ייִד, אַז ער קויפֿט אַ ייִדישער ספֿר, איך מיין אַ לוח, טוט ער דערמיט דרײַ "וואָלטאַטן" מיט אַ מאָל: ערשטנס, וואָס ער ברענגט אין שטוב אַרײַן אַ "ייִדישן ספֿר"; צווייטנס, וואָס ער פֿאַרשפּרייט דערמיט די ייִדישע ליטעראַטור; דריטנס, וואָס ער גיט צו לייזן דעם אָרעמען "פּאָלנישען יודען" געלט. און דער אָרעמער "פּאָלנישער יודע" מאַכט ניט שלעכט. דער ערשטע יאָר האָט ער אויסגעבראַכט ייִדישע לוחות אין די צענדליקער. דאָס צווייטע יאָר - אין די הונדערטער. צום דריטן יאָר האָט ער זיך געגרייט אָפּצוזעצן טויזנט לוחות, און אפֿשר נאָך מער - ווער ווייסט? עס איז נאָר אַ האַרצווייטיק, וואָס ער מוז די סחורה באַציִען אַזש פֿון דער היים און צאָלן פֿאַר איר מיט באַרעם געלט. עס וואָלט געווען אַ גלענצענדעס געשעפֿט, ווען מע זאָל קאָנען די סחורה פֿאַבריצירען דאָ אויפֿן אָרט. און אונדזער לוח-הענדלער פּינחס פּינקוס האָט פֿאַרטראַכט אַ קאָמבינאַציע - אַ גאַנצן פּלאַן, אַ גאונישן, אַ טײַוועלשן פּלאַן.

# ד׳

איינמאָל אין אַ שענעם פֿרימאָרגן איז אונדזער לוח-עקספּאָרטער, פּינחס פּינקוס, געזעסן אין זײַן ייִדישן רעסטאָראַן, וווּ ער האָט גאַנץ פֿײַן אָפּגעמיטאָגט, זיך געריייניקט די ציין, און זײַנע נישט-גלײַכמעסיקע אויגן האָבן געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און געפֿירט אַ שמועס. אַ סימן, אַז דער קאָפּ האָט געטראַכט און דער מוח האָט געאַרבעט. און בכּדי דער לעזער זאָל וויסן, וואָס האָט אַזעלכעס געטראַכט פּינחס פּינקוס, געבן מיר איבער אין קורצן דעם שמועס פֿון זײַנע אויגן (לאָמיר זיך אויף אַ מינוט פֿאָרשטעלן, אַז אויגן רעדן).

דאָס קליינע אויגל: מע דאַרף אויסשרײַבן אַ טראַנספּאָרט לוחות צום יאָר תּ׳-ר׳-ס׳-ח׳... אַוועקשיקן אַזוי פֿיל געלד!

דאָס גרויסע אויג: אַ גאַנצן אוצר!

דאָס קליינע אויגל: איין עבֿירה פֿאַר גאָט!

דאָס גרויסע אויג: מען איז עובֿר אויף בל-טשחית!

דאָס קליינע אויגל: מע זאָל קאָנעם קריגן פֿון זייערטווועגן איין אַלטן לוח...

דאָס גרויסע אויג: פֿון טרחס יאָרן, אַבי אַ לוח!...

דאָס קליינע אויגל: די נאַררעמבערגער לומדים...

דאָס גרויסע אויג: מופֿלגים, גרויסע קעפּ, שאַרפֿע מוחות!...

דאָס קליינע אויגל: איי, טאָמער וועלן אויסקומען די דאַטעס פּאָפּעריק?

דאָס גרויסע אויג: בין איך בדלות!

דאָס קליינע אויגל: אַ מצווה אויף זיי!

דאָס גרויסע אויג: כאַפּט זיי בעני!

דאָס קליינע אויגל: במילא טריפֿניאַקעס, דײַטשן!...

דאָס גרויסע אויג: קירע מאָק!...

דאָס קליינע אויגל: זיי האָבן מיר געגנוג בלוט פֿאַרצאַפּט, איידער איך האָב מיך אַרויפֿגעשלאָגן אויף אַ שטיקל דרך...

דאָס גרויסע אויג: עס מעג שוין אַמאָל קומען אויף זיי אויך אַ מפּלה!...

און פּינחס פּינקוס האָט אַ ווונק געטאָן צום קעלנער: הער נאָר, דײַטש בן דײַטש! אַ קריגל סמעטענע! דאָס האָט געהייסן אַזוי גוט, ווי אַ קופּל ביר. און אונדזער לוח-הענדלער האָט אַרויסגעטרונקען אַ קופּל ביר און האָט אַוועקגעשריבן אַהיים אַ בריוו, פֿון וועלכן מיר געבן דאָ איבער אַ ריכטיקע קאָפּיע:

"...און ווײַטער שרײַב איך אײַך, מײַן ליבער פֿרײַנד, איר זאָלט זײַן אַזוי גוט און אַרײַנפּאַקן מיר וויפֿיל איר קאָנט אַלטע לוחות, צום מיינסטן פֿון יאָר תּ׳-ר׳-מ׳-ח׳. איך האָב דאָ אויף זיי איין אָפּזעץ. די דײַטשן קויפֿן אַלטע מאַרקעס מיט אַלטע לוחות. פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי צאָלן דערפֿאַר זייער ביליג, נאָר אַלץ איז בעסער פֿאַר אײַך, איידער זיי זאָלן פֿוילן בײַ אײַך אויפֿן בוידעם און די מײַז זאָלן זיי עסן. אַז איר וועט אײַנפּאַקן די אַלטע לוחות, זאָלט איר מוחל זײַן זיי איבערוועגן און רעכענען מיר לויט וואָג פֿון פּאַפּיר און אַרויסשיקן מיר פער נאַכנאַמע, זייט זשע, למען השם, אַלע אַלטע לוחות, וויפֿיל איר האָט, צום מיינסטן פֿון יאָר תּ׳-ר׳-מ׳-ח׳. איך טו דאָס כּמעט נאָר צוליב אײַך. איך ווייס, אַז עס וואַלגערן זיך בײַ אײַך אַלטע לוחות, וויל איך אײַך געבן צו לייזען. צו קיין אַנדערן שרײַב איך נישט, נאָר צו אײַך, ווײַל איך האַלט פֿון אײַך. געדענקט זשע, למען השם, וואָס מער אַלטע לוחות, און איך גריס אײַער ווײַב און קינדער גאָר פֿרײַנטלעך.

ממני פּינחס פּינקוס."

פֿאַרחתמט דעם בריוו, האָט ער אַ רוף געטאָן דעם קעלנער:

-- הער נאָר, דײַטש בן דײַטש, נאָך אַ קריגל סמעטענע!...

באַקומען נאָך אַ קריגל ביר, האָט אונדזער לוח-פֿאַבריקאַנט אָנגעשריבן נאָך אַ בריוול צו איין אַנדער מוכר-ספֿרים:

"...והשנית שרײַב איך אײַך, אַז איך האָב אויסגעקראַצט דאָ איינער אַ דײַטש, וואָס איז אַ קונה אויף אַלטע לוחות, אָבער נאָר פֿונעם יאָר תּ'-ר'-מ'-ח'. אויב איר האָט זיי, שיקט זיי מיר צו באַלד דורך אַ נאַכנאַמע. רק איר זאָלט נישט רעכענען מער ווי דאָס פּאַפּיר, כּי איך דאַרף דאָך אויך עפּעס פֿאַרדינען. איך שרײַב נאָר צו אײַך, ווײַל איך ווייס, אַז נאָר בײַ אײַך געפֿינט זיך אַלטע לוחות. און מחמת איך האָב קיין צײַט נישט, מאַך איך דאָס בקיצור.

ממני פּינחס פּינקוס".

און נאָך אַ בריוול האָט ער אַוועקגעשריבן, שוין אין איין אַנדער שטאָדט:

"...והשנית שרײַב איך אײַך, אַז איך קאָן בײַ אײַך הײַנטיקס יאָר קויפֿן לוחות נאָר על-מנת, דאָס הייסט מיט אַ תּנאַי, אַז צו יעדן נײַעם לוח פֿון יאָר תּ'-ר'-ס'-ח' דאַרפֿט איר מיר צולעגן דרײַ לוחות אַלטע פֿונעם יאָר תּ'-ר'-מ'-ח' אומזיסט. ווײַל ס'איז דאָ אַ פּאָר דײַטשן, וואָס זיצן און שטודירן די וועטערונגען נאָך די אַלטע לוחות פֿון די פֿריִעריקע יאָרן. לכן ובקש, איר זאָלט מיר אַרויסשיקן אַלע אײַערע אַלטע לוחות פֿון יאָר תּ'-ר'-מ'-ח', צולעגן צו יעדע דרײַ אַלטע איינעם אַ נײַעם לויט פּרײַז, און באַלד אַרויסשיקן אַל-ידי נאַכנאַמע.

פֿון מיר אײַער פֿרײַנד פּינחס פּינקוס".

אָט אַזעלכע בריוולעך זענען אַוועקגעאַנגען נאָך עטלעכע צו פֿאַרשיידענע בוכהענדלער אין פֿאַרשיידענע שטעדט. און אונדזער לוח-אַנגראָסיסט פּינחס פּינקוס האָט זיך צעצאָלט מיטן קעלנער און האָט זיך אָנגעזאָגלט מיטן פּעקל ספֿרים אויף די פּלייצעס און איז אַוועק זײַן וועג, ווי אַ מענטש, וואָס האָט פֿאַרקלערט און אויסגעפֿירט אַ רעכטן, אַ וויכטיקן עסק.

דאָס געוועזענע יאָר 5668, זינט גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, איז געווען פֿאַר די נאַררענבערגער ייִדן אַ יאָר פֿון שפֿע. אַלע, פֿונעם ערשטן פֿאַבריקאַנט ביזן לעצטן בעל-מלאכה, האָבן געמאַכט גוטע געשעפֿטן. אַלע פֿונעם גרעסטן קאָמיסיאַנער ביזן קלענסטן הויזירער, האָבן פֿאַרדינט געלט, און אַלע זענען געווען צופֿרידן און האָבן זיך געפֿרייט, וואָס דער ״אַרמער פּאָלנישער יודע״ לייזט בײַ זיי געלט פֿאַרן לוח תּ׳-ר׳-ס׳-ח׳. מע קאָן זאָגן , עס איז נישט געווען אין נאַררענבערג קיין איינציג הויז, וואָס זאָל נישט האָבן געקויפֿט בײַם ״פּאָלנישען יודן״ קיין לוח אויף דעם יאָר. און די נאַררענבערגער ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט גענומען דאָס נײַע יאָר תּ׳-ר׳-ס׳-ח׳ (5668) נאָכען אַלטן לוח פֿונעם יאָר תּ׳-ר׳-מ׳-ח׳ (5648) אויסגעצייכנט גוט, דאָס הייסט: מע האָט זיך געהאַט יאָרצײַטן, געפֿײַערט בר-מצוות און געבענטשט חנוכּה-ליכטלעך, געגעסן פּורימדיגע המנטאַשן און גענומען זיך גרייטן צום הייליקן פּסח, באַקן מצות - אַלצדינג ווי אַלע יאָר, פֿון זינט די וועלט איז אַ וועלט, - און אין דער ריכטיקער צײַט, לויט דער לוח זאָגט, האָט מען זיך גאַנץ פֿײַן אַוועקגעזעצט צום סדר, אויף מאָרגן נאָך אַ מאָל צום סדר, און אַזוי וואָלט זיך אָפּלויפֿן דער פּסח, און אפֿשר דער שבֿעות מיטן סוכּות אויך, ווען עס זאָל זיך נישט טרעפֿן אַ מעשׂה (בײַ אַלע שרײַבערס פֿון דער וועלט מוז זיך טרעפֿן אַ מעשׂה).

ומעשׂה שהיה כּך היה:

איינער אײַן אָפּטייקער האָט געדאַרפֿט פֿאָרן פֿון נאַררענבערג קײַן בערלין נאָך סחורה. האָט ער זיך אויפֿגעזעצט דעם ערשטן טאָג חול-המועד פּסח און איז אַוועק קײַן בערלין. געקומען איז ער קײַן בערלין אײַן אויפֿגעהונגערטער פֿונעם וועג - סכּנות! דער לעזער, וואָס האַלט קאָפּ, געדענקט אַוודאי, אַז אַ נאַררענבערגער ייִדישער דײַטש, ער מעג זיך זײַן אפֿילו אײַן אָפּטעקער, אָדער אַ דאַנטיסט, אָדער אפֿילו נאָך ערגער פֿון אַ דאַנטיסט, וועט אײַך פּסח קיין חמץ נישט עסן פֿאַר קיין צען מיליאָן. אַ גאַנץ יאָר וועט איר בײַ אים פּועלען, ער זאָל אײַך עסן חזיר. איר וועט אים אײַנבעטן, ער זאָל אײַך עסן ראַקעס און וואָס איר ווילט. נאָר קומט דער הייליקער פֿײַערטאָג פּסח, ווערט אַ דײַטש פֿרום מיט סכּנות-נפֿשות! ער וועט אײַך גיכער שטאַרבן פֿון הונגער, איידער זיך צורירן צו חמץ אום פּסח. איר מעגט דאָס אָנרופֿן פֿאַנאַטיזם - ס׳איז אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך!

אַלזאָ, געקומען אַ הונגעריקער קיין בערלין, איז אונדזער אָפּטייקער קודם געגאַנגען זוכן אַ יִדישן רעסטאָראַן אויף דער פֿרִידריכשטראַססע און האָט דערזען דאָס וואָרט "כּשר" און האָט זיך מחיה געווען. אַרײַנגעקומען אין רעסטאָראַן אַרײַן, האָט ער נישט צײַט געהאַט זיך אַוועקצוזעצן בײַם טישל און דורכשטודירן דאָס צעטל פֿון די פּסחיגע מאכלים, איז אויסגעוואַקסן נעבן אים אַ קעלנער, אַ געזונטער יונגאַטש מיט איין אָנגעפּאָמאַדעטן קאָפּ, מיט שטייענדיקע וואָנצעס, אַ לאַ ווילהעלם דער צווייטער. דער יונגאַטש דער קעלנער האָט געהאַלטן אין די הענט אַ טעלער, און אויפֿן טעלער - שטעלט אײַך פֿאָר! - אַ המנטאַש מיט מאָן!!!...

אונדזער אָפּטייקער איז שיער נישט געפֿאַלן חלשות: וואָס הייסט עס? כּשר, פּסח, און אַ המנטאַש מיט מאָן! ווען דער אָפּטייקער זאָל נישט זײַן טויט-הונגעריק, וואָלט ער זיכער געמיינט , אַז ס'איז אַ חלום. דער קעלנער דער יונגאַטש האָט דערזען, אַז דער גאַסט קוקט עפּעס מיט מאָדנע אויגן, האָט ער פֿאַרשאַרט אַרויף ביידע שטייענדיקע וואָנצעס אַ לאַ ווילהעלם דער צווייטער און האָט אַ זאָג געטאָן צום גאַסט מיט אַ פֿרײַנטליכן שמייכעלע פֿון אַ קעלנער:

-- ווייגן פֿײַערטאָג -- פּורים-שפּײַז!... כּשר לפּורים!...

דאָ איז אונדזער אָפּטייקער געוואָרן נאָך מער צעמישט: ווייגן פֿײַערטאָג -- פּורים-שפּײַז?!... דער קעלנער איז אַוועק און אויף זײַן אָרט איז אויסגעוואַקסן דער"ווירטע" פֿונעם רעסטאָראַן, אַן עלעגאַנט געקליידטער דײַטש מיט אַ זייער ליבליך אַלונטערטעניגסט שמייכעלע אויף די פֿעטע רויטע ליפּן, און צווישן דעם ווירטע מיטן גאַסט האָט זיך פֿאַרבונדן זייער אַ אינטערעסאַנטער שמועס, פֿון וועלכן מיר געבן דאָ איבער נאָר דעם תּמצית. דער ווירטע האָט באַגריסט דעם גאַסט מיטן פֿײַערטאָג פּורים, און דער גאַסט האָט געוואָלט אײַנרעדן דעם ווירטע, אַז הײַנט איז טאַקע אַ פֿײַערטאָג, נאָר דער פֿײַערטאָג הייסט נישט "פּורים", ער הייסט "אָסטערן" (פּסח). תּחילת האָט דער ווירטע געזרעכנט, אַז דער גאַסט איז גלאַט אַ פֿריילעכער פּאַרשוין און מאַכט זיך לוסטיק לכּבֿוד פּורים, האָט ער גאַנץ העפֿלעך געכיכיקעט. דעם גאַסט איז אָבער דאָס כיכיקן פֿונעם ווירטע גאָרנישט געפֿעלן, און דער שמועס צווישן ווירטע און צווישן

גאַסט האָט אָנגעהויבן וואָס ווײַטער אַרײַן אין ערנסט, ביז עס האָבן דערהערט אויך די איבעריקע געסט פֿון רעסטאָראַן און האָבן זיך אויך אַרײַנגעמישט אין דעם הויך-אינטערעסאַנטן שמועס. דאָס האָט אונדזער אַפּטייקער פֿאַרדראָסן, האָט ער זיך אויסגעשפּראָכן מיט זייער אַ גיפֿטיק שמייכעלע, אַז מע קאָן זיך זײַן אַ ייִד און דערלויבן זיך עסן חמץ אין פּסח, נאָר אַרײַננמישן זיך אין פֿרעמדע אָנגעלעגנהייטן איז נישט לויט דעם דײַטשן עטיקעט... דערויף האָט איינער אַ דזשענטעלמאַן מיט צוויי שענע באַקנבאָרדן, שוין אַ ביסל גרוילעך, מיט נישט ווינציקער גיפֿט אַ פֿרעג געטאָן בײַם אַפּטייקער: פֿון וואַנען איז דער "הערר"? און אַז ער האָט דערהערט, אַז דער "הערר" איז אַ נאַררענבערגער, האָט ער אויסגעצויגן אַ לאַנגגען "אַאַאַ!!!" און האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין טעלער...

ווען אונדזער נאַררענבערגער העלד זאָל נישט זײַן אַזוי הונגעריק, וואָלט ער דעם דזשענטעלמאַן מיט די באַקנבאַרדן פֿאַר אָט דעם דאָזיקן "אַאַאַ" מכבֿד געווען, ווי עס געהער צו זײַן: ערשטנס, וואָלט ער אים דערלאַנגט זײַן וויזיט-קאַרטע מיט דער פֿירמע "דאָקטאָר פֿאַרמאַציע אין נאַררענבערג"; צווייטנס, וואָלט ער געפֿאָדערט פֿון דעם דזשענטעלמאַן מיט די באַקנבאַרדן, אַז ער זאָל אים געבן זײַן וויזיט-קאַרטע מיט זײַן פֿירמע, און וואָס נאָכדעם וואָלט געווען - ווייס איך נישט, איך בין נישט קיין נבֿיא. וואָס ס'איז געווען - דאָס קאָן איך אײַך דערציילן. און געווען איז אָט וואָס: אונדזער נאַררענבערגער העלד איז פֿון דעם רעסטאָראַן אַוועק אַ ברוגזער אין אַ צווייטן רעסטאָראַן. אויך אַ ייִדישן, און האָט געטראָפֿן דאָרט פּונקט דאָס אייגענע בילד; אויך אַ חמצדיקן מיטאָג, אויך חמצדיקע המנטאַשן, "כּשר לפּורים" - און געענדיקט זיך עס דערמיט, וואָס אונדזער אַפּטייקער איז אַוועק פֿון דאָרט אין אַ קריסטלעכן רעסטאָראַן און האָט זיך באַשטעלט אַ גרויסן מיטאָג "אַ לאַ קאַרט". ער האָט זיך געטראַכט: "איידער עסן חמץ אום פּסח, איז שוין גלײַכער עסן טרפֿה"...

ו'.

איינע פֿון די ניצלעכסטע ערפֿינדונגען פֿון אונדזער צײַט בלײַבט טאַקע נאָר דער טעלעפֿאָן. אַ דאַנק דעם טעלעפֿאָן איז גאַנץ נאַררענבערג אין פֿאַרלויף פֿון איין האַלבע שעה געוואָר געוואָרן, אַז

די הויפּט-שטאָדט פֿון דײַטשלאַנד, די ייִדישע שטאָט בערלין, האָט פֿאַרשפּעטיקט מיטן פּסח כּמעט אויף אַ גאַנצן חודש: אַז ווערענד אין נאַררענבערג איז שוין דער צווייטער טאָג חול-המועד פּסח, איז אין בערלין ערשט פּורים! פֿאַר דער נאַררענבערגער קהילה איז דאָס געווען אַזוי איבערראַשענד, אַז זיי האָבן געוואָלט וויסן, וואָס וועט זאָגן דערויף "אונדזער רעבי"? און מען איז אַוועק צו אונזער ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער און מע האָט אים שוין געטראָפֿן בײַם טיש שרײַבנדיק אַ טעלעגראַמע קײַן בערלין צו זײַנעם אַ קאָלעגע, אויך אַ ראַבינער און אויך אַ דאָקטער און אויך אַ פּרעדיגער. ער האָט געבעטן בײַ זײַן קאָלעגע, ער זאָל אים זאָפֿאָרט טעלעגראַפֿירן, װעלכער פֿײַערטאָג איז הײַנט אין בערלין? און דעם זעלבן טאָג אַרום פֿאַרנאַכט האָט דער ראַבינער געקומען אַ קלאָרע תּשובֿה פֿון בערלין. די תּשובֿה איז באַשטאַנען נאָר פֿון איין וואָרט: "שושן-פּורים"... און טאַקע דורכן זעלבן טעלעפֿאָן האָט ער געגעבן צו וויסן דער גאַנצער שטאָדט און האָט געבעטן יעדן באַזונדער, אַז מע זאָל אַרײַנקוקן אין לוח אַרײַן, קאָנטראָלירן דעם דאַטום. און די שטאָדט נאַררענבערג האָט גענומען שטודירן דעם לוח מיט אַזאַ אינטערעס, גלײַך ווי מע וואָלט וועלן דערגיין, ווען קערט זיך איבער די וועלט?...

מע טאָר אָבער נישט אַוועקגייען פֿונעם אמת: נאַררענבערג איז טאַקע זייער אַ פֿײַנע שטאָדט און אירע ייִדישע אײַנוווינער זענען טאַקע זייער אָרענטלעכע מענטשן - איינס צום אַנדערן געהער זיך אָבער נישט אָן: קיין סך געלערענטע מענטשן, וואָס זאָלן פֿאַרשטייען לוח, איז דאָרט נישט פֿאַראַנען; דער איינציקער ייִדישער געלערטער, וואָס פֿאַרשטייט אַ ייִדיש וואָרט, איז איינער, וואָס טראָגט זייער אַ הויכן באַרימטן נאָמען "מאַטיאַס דרייפֿוס".

מיר פֿאַרכאַפּן זיך אויף צו-פֿריִער און מאַכן אויפֿמערקזאַם דעם לעזער, ער זאָל חלילה קײַן טעות נישט האָבן און נישט מיינען, אַז דאָס איז דער מאַטיאַס דרייפֿוס, דער ברודער פֿון אונדזער וועלטבאַרימטן מאַרטירער קאַפּיטאַן (הײַנט מײַאָר) אַלפֿרעד דרייפֿוס. דער נאַררענבערגער מאַטיאַס דרייפֿוס איז דער שמש פֿון דער דאָרטיקער קאָרשול און דער שוחט פֿון שטאָדט. ווי קומט צו אים אַזאַ נאָמען - זאָלט איר נישט פֿרעגן. למאי ס'איז דאָ אין דעם זעלבן נאַררענבערג אַ ייִד איין אָרימאַן, וואָס לעבט פֿון דעם, וואָס ער

זאָגט קדיש, אַז מע באַצאָלט אים, און טראָגט דעם נאָמען נאַטאַניעל ראָטשילד? אָדער ס'איז פֿאַראַן, טאַקע אַלץ אין נאַררענבערג, אַ שוסטער, און אַ קאַליקער דערצו, וואָס שעמט זיך נישט און הייסט מיטן נאָמען הײַנריך היינע? און אַ ראַזירער איז דאָרטן דאָ, שטייט אויף זײַן שילד אויסגעמאָלט אַ נקבֿה מיט אַ רויטן פֿאַריק, און אונטער אָנגעשריבן מיט גרויסע לויטערע אותיות: לודוויג בערנע? עס פֿעלט נאָך צום רומעל אַ שטיוולפּוצער מיטן נאָמען באָרוך שפּינאָזאַ... עס קאָן זייער געמאָלט זײַן, אַז עס דרייט זיך ערגעץ אַרום דאָרטן אין שטאָדט אַ באָרוך שפּינאָזאַ , נאָר איך האָב נאָך נישט געהאַט דאָס גליק מיט אים פּערזענלעך צו באַקענען זיך... נאָר מיר קערן זיך אום צו אונדזער געלערטן מאַטיאַס דרייפֿוס, דער שמש פֿון דער קאָרשול.

אַז דער געלערטער מאַטיאַס דרייפֿוס האָט דערהערט די געשיכטע, וואָס דער אָפּטייקער האָט געבראַכט צו פֿירן פֿון בערלין, אַז דאָרט איז ערשט פּורים, נישט פּסח, האָט ער זיך גענומען גריבלען אינעם לוח גאָר מיט אַנדערע כּלים, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ געלערטען, וואָס איז אי אַ שמש, אי אַ שוחט און הייסט דרייפֿוס. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געגריבלט, ביז ער האָט זיך אַרויסגעגריבלט אויף אַ שטיקל דרך. ער האָט געפֿרעגט אַ קשיא: ווו איז אַהינגעקומען דער "ואדר" (אָדר שני)? - לויט זײַן רעכענונג, ער געדענקט דאָס נאָך פֿון פֿאַריאָרן, האָט הײַנטיקס יאָר - דאָננערוועטער! - באַדאַרפֿט אויסקומען אײַן עבור-יאָר. אַ באַווײַז האָט ער פֿונעם אָרגאַניסט, פֿרידריך שפּילהאַגען; ער איז אַ קריסט און שפּילט בײַ די ייִדן יום-טובֿ אין קאָרשול; זאָגט ער, פֿרידריך שפּילהאָגען, אַז בײַ זיי איז הײַנטיקס יאָר אויך אײַן עבור-יאָר!

מיט דעם דאָזיקן וויכטיקן מאַטעריאַל איז אונדזער געלערטער דרייפֿוס אַוועק צום ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער, און ביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט שטודירען דעם לוח גאָר איבעראַנייעס - און דאָ איז געקומען די רעכטע קאַטאַסטראָפֿע: ביידע האָבן דערזען , אַז זייער לוח איז נישט פֿון יאָר תּ'-ר'-ס'-ח' ( 5668), נאָר פֿונעם יאָר תּ'-ר'-מ'-ח' (5648). דאָס הייסט, אַ פֿאַרטוואַנציגיאָריקער לוח!...

דער פּאַרפֿאַסער פֿון דער דאָזיקער אמתער געשיכטע באַדאַנקט דעם געערטן לעזער פֿאַר דעם, וואָס ער האָט זיך גענעבן די מי אויסצוהערן די מעשׂה כּמעט ביזן סוף, און לאָזט אים איבער אויף זײַן אײגענער פֿאַנטאַזיע, ער זאָל זיך פֿאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער שטאָדט נאַררענבערג, ווען מען איז געוואָר געוואָרן פֿונעם רבין אַליין, אַז זײ האָבן פֿאַרכאַפּט דעם פּסח מיט אַ גאַנצן חודש פֿריִער, און אַז מע ועט דאַרפֿן פּראַווען פּסח נאָך אַ מאָל פֿונעם אָנהייב! איך וואָלט געקאָנט אויסנוצן אַלע שאַרפֿע אויסדרוקן, ווי צום בײַשפּיל: עמפּערט, ענטטוישט, איבערראַשט, אויפֿגעבראַכט, אויפֿגעטראָגן, צעקאָכט, נידערגעשלאָגן, אויסער זיך, וכדומה. איך פֿיל אָבער, אַז ס׳איז נישט דאָס; ס׳איז באַנאַל. דאָס ריכטיקסטע וואָרט וואָלט געווען, דאַכט מיר, "פֿאַרניכטעט!"... באַרעכנט אײַך: אַ גאַנץ האַלב יאָר האָט אַ שטאָדט אָפּגעלעבט פֿאַלש נאָך איין אַלטן אָפּגעלעבטן לוח פֿון פֿאַר צוואַנציק יאָרן! געפֿײַערט יום-טובֿים נישט אין דער ריכטיקער צײַט! געגעסן מצה דעמאָלט, ווען אַלע ייִדן האָבן געשלאָגן המנען! הײַנט ווו זענען די בר-מיצוות? די יאָרצײַטן? די קדישים?... און וועמען האָט מען צו פֿאַרדאַנקען? עפּעס אַ ייִדל, אַ גאָרנישט, איין עמיגראַנט... "אָ, דער פּאָלנישער יודע!" - האָבן געזאָגט די נאַררענבערגער ייִדישע דײַטשן און האָבן זיך געשאַרפֿט די ציין אויפֿן "פּאָלנישען יודן". לאָז ער נאָר קומען קײַן נאַררענבערג מיט זײַן פּעקל ספֿרים, וועט ער שוין טרוקן נישט אַרויס...

און דער "פּאָלנישער יודע", אונדזער בוכהענדלער פּינחס פּינקוס, איז אין דעם צײַט געזעסן מיט נאָך אַ סך אַזעלכע אַרויסגעוואָרפֿענע, ווי ער, אויף אַ ריזענשיף, וואָס איז געדולדיק און ראַשעק געשווומען פֿון האַמבורג קײַן ניו-יאָרק. פֿונעם גאַנצן דאָברע-מזל, וואָס ס׳איז אים געראָטן אַרויסצובאַקומען פֿון די "דײַטשן", האָט ער קוים צונויפֿגעשלאָגן אויף אַ שיפֿסקאַרטע צווישן דעק, און ער פֿאָרט אָט דאָס אַהין, אינעם גאָלדענעם לאַנד. וואָס קאָלומבוס האָט אַנטדעקט צוליב דעם, אַז אָרעמע ייִדן פֿון דער גאָרער וועלט, פֿאַריאָגטע און פֿאַרוואָגלטע, באַרויבטע און פֿאַרשענדעטע, זאָלן קאָנען ערלעך און מיט כּבֿוד, כאָטש אפֿילו מיט גרויס מי, פֿאַרדינען זייער שטיקל ברויט...

לעזער! לאָמיר אים ווינטשן גליק און אַ פֿריילעכן כּשרן פּסח.